בס"ד

# בולעטין #103
# וועד הכשרות
## ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות
**באמצעים של בירור, חקירה ודרישה, התיעצות, הודעה, והצעה**
**חודש אייר תשנ"ה**

לכבוד מערכת וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות דארצה"ב שליט"א
איך קום צו אייך מיט א בקשה איר זאלט ארייגלייגען דעם קול קורא אין אייער מדריך לכשרות, א דאנק.

# מען שעכט אידישע קינדער
# אוי ווייי!!!

**די אָפענע דייטשע גאַז קאמערן** (קאַרמיטאָריומס) **אין אַמעריקא, און קיינער ווייסט נישט!!! - אדער קיינער וויל נישט וויסען, פונקט ווי עס איז געווען מיט 50 יאר צוריק ווען קיינער האט זיך נישט ווויסענדיג געמאכט ווען מען האט אויסגע'שחט'ן 6 מיליאן אידען רח"ל. – עס חזר'ט זיך יעצט בלויז איבער, וד"ל.**

**די טראַגעדיע איז שרעקלעך, עס איז נישט אויסצוהאַלטן, יעדער זיצט ביי זיך אין שטוב און עסט שיינע סעודות, מען זינגט שיינע זמירות, כָּל מקדש, מנוחה ושמחה א.ד.ג, און עס פאַלט קיינעם נישט איין אַז מיט די שיינע סעודה וואָס ער עסט ביים זיין שיינעם צוגעגרייטן טיש, איז ער גאָר גורם אַז ער אָדער זיין ווייב זאָלן אַוועקגיין פרי פון דער וועלט און איבערלאזען קליינע קינדער יתומים רח"ל.**

עס רייסט מיר דאָס האַרץ, איך האָב שוין נישט קיין ברירה, איך מוז דאָס ארויסגעבן, די טראַגעדיע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג, דער דור גייט אַזוי טיף און שנעל מטה מטה אַז מען קען זיך גאָרנישט גלייבען ווי מיר האַלטן אויף דער וועלט.

עס איז חודש אדר יעדער איז מחויב צו טוהן וואָס ער קען, קיינער וועט נישט קענען זאָגן ידינו לא שפכה את הדם הזה.

די שוחטים ווייסען אַז זיי קענען דאָס מער נישט דערטראָגן, דער מצב איז מורא'דיג, מען מאַכט אונז שוחטים פאַר ראָבאָט'ס מיר אַרבעטען ווי פערד, מען פרעגט אונז נישט אַ מאָל צו מיר האָבן כוח, צו מיר האבען א הרגשה צו פילען אויב דער סכין איז נישט פגום!

עס גייט זיי נישט אן צו מיר ווייסען בכלל וואס עס טוט זיך מיט אונז? נאר מיר זאָלען אַרבעטן שנעלער און שנעלער אַרויס געבען פראָדוקציים דאָפעלט ווי אַ מאָל.

מיר האבען געוויינט צו די אוי יוי, צו הרב הײנימאן, עס העלפט אויף טויטע באנקעס, עס גייט זיי אן דאס כשרות אין די לינקע פאה וואס זיי האבען שוין לאנג אפגעשניטען.

זיי לאכען זיך אויס פון אונז, זיי זאגן אפען ווער עס קען נישט שעכטן וויפיהל דער בעל הבית וויל זאל אויפגעבען די שחיטה, מיר וועלען טרעפען אנדערע געזינטע פערד וואס קענען יא שעכטן!!!

שומו שמים!!!

זאגט נישט גענוג פאַר די בעלי בתים וואָס זיי האָבן אונז איינגעשטעלט צו שעכטן פיר מאָל וויפיל א שוחט האָט געשאָכטן מיט 25 יאָר צוריק, נײן מיר דאַרפן גיין מער און מער, און וואָס געשעהט? דער שוחט מוז בלית ברירה זיין אַ מאַכיל נבילות וטריפות!!!

עס איז נישט גענוג פאַר די בעלי בתים וואס מיר שעכטן אן ערך פון 1000 ביז 1200 אין איין שעה איין שוחט, און אזוי ווי זיי זענען שוין ארויף, אויף דעם העכסטן גראד וואס עס איז נאר מעגליך צו באוועגן די הענט, און א גוי קען אויך נישט מער הרג'נען אין א שעה, זענען זיי געקומען צו א נייעם פאטענט.

דער סדר פון די אוי יו איז אלץ געווען איינגעשטעלט, אז מען שעכט א שוחט איין שעה אין מען רוהט זיך אפ א שעה.

די שָעה וואס מען רוהט זיך אָפּ , מיינט נישט אַז מען רוהט זיך אָפּ, נאָר הערשט דעמאָלטס דארף הערשט ארבעטען אויף א חלף, דאווענען, עסען, ארויס גיין הכנות, א.ד.ג.

מיט יארן צוריק האט א שוחט ביי די אוי יו געשאחטן 300 ביז 400 עופות א שעה איין שוחט, און מען האט געארבעט 3 שעה און גערוהט אין מיטן בין שחיטה לשחיטה איין שעה סך הכל איז דאס געווען 6 שעה.

פארגעסט נישט אז דער שוחט דארף נאך ארבעטן לכה"פ 2 שעה פאַרטאָגס צו האבען גענוג גוטע חלפים צו די שחיטה, און עס איז אפילו וויניג, צוויי שעה צו אזא גרויסע שחיטה.

זענען געגאנגען די קצבים מיטן הסכמה פון די רבנים און מען האלט שוין ביי פיר פאכיג שווערער.

דער בעל הבית פילט אז נאר דער שוחט וועט איהם איינשפארן געלט ביי די שחיטה.

דער שוחט באקומט היינט טאקע אן ערך פון 1000$ ביז 2.000$ א וואך, (פאר איוווערטיים), אבער דאס מיינט נאך נישט אז מען דארף שכטן דעם שוחט פאר די מאגערע געהאלט וואס ער באקומט.

וואס עס איז געווען טריפה מיט 20 יאר צוריק איז היינט כשר למהדרין מן המהדרין.

רבותי!!!

אלע קראַנקהייטן קומען פון די שחיטה קרעמיטאריומס.

די וואָס שעכטן מער ווי 600 א שעה די זענען מאכילי טריפות, (זעה פסק פון התאחדות הרבנים).

די וואָס שעכטן מער ווי 3 שעה א טאָג איז די שחיטה טריפה, ווייל זיי האבן נישט קיין הרגשה, ועיין שו"ת בית אשר.

איר זאָלט זיך אינטערעסירן ביי די רעגירונג, זיי גיבן ארויס אלע איינצלהייטן פאר די פאבליק, זיי ווייסען אלעס,

אַמאָל האבן די רבנים געלייקענט אַז איין שוחט שעכט 1000 ביז 1200 אין איין שעה, היינט פירט מען די רבנים ווי די קעלבלעך צו די שחיטה און זיי זעהן ווי די מאַשינען לויפן, און זיי ווייסען גארנישט אַז די שחיטה איז טריפה,

אָבער איר דארפט נישט מער ווי זעהן די אַלטע מודעה מיט 20 יאָר צוריק, וועט איר אַליין זעהן ווי ווייט איר פארשטייט גארנישט.

די שוחטים דאַרפן סטרייקן!

די רבנים דארפן זאגן די בעלי בתים אז מען קען נישט און מען טאָר נישט פאָפּען דעם המון עם, עס איז דאָ א קאנסומער יוניאן, מען דאַרף זיך ווענדען צו זיי.

מיר האבען גענוג געבילדעטע קעפּ, מען וועט זיי מאכען א קאנטר קלעים.

די אמעריקאנער רעגירונג זאגט, אז מען טאָר נישט נאַרן דעם עולם.

מען דארף רופן די רבנים צום דין תורה און נאָך דעם אין קארט, וואָס זיי האבן אונז אויסגענאַרט, די בעלי בתים האבן געמאכט אויף אונזער פלייצע הונדערטער מיליאָנען.

מיר ווילען זיך נישט לאזען מער.

זיי נעמען בחנם טייערע פרייזען פאַר די כשרות דארט ווי ס'איז אבסעלוט ספק טריפה, און אפשר וודאי טריפה.

די גרויסע קאמפאניס וואקסען ווי אויף הייוען, זיי שעכטן כמעט דאפעלט ווי אמאל, און נישט נאר וואס זיי נעמען נישט צו קיין שוחטים נאר זיי ווארפען אוועק אסאך פון די אלטע שוחטים, און מען סטראשעט זיי אז אויב זיי האבן נישט קיין כוח וועט מען זיי אוועק שיקען, און זיי ווילען בלייבען אהן פרנסה.

דער נסיון הפרנסה איז זייער גרויס בפרט ווען א שוחט נעמט אהיים פון 1500$ ביז 2.000$ אוואך. (דאס איז פאר די שחיטה מיט אווערטיים שחיטה).

יא וואס טוט מען נישט פאר געלט???

השוחט, בן ציון קליין, פון העריסבורג פענסלאוועניא

## וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות דארצות הברית וקנדה